עג. ביי יוספן שטעהט ויריצוהו מן הבור. אז עס איז געקומען די צייט, איז יעדע מינוט ביי דעם רבש"ע געווען אַ שאָר, מען האָט אים געמאַכט אַרויסלויפן פון גרוב. מיט אונז וועט אויך זיין אַזוי, אַז עס וועט נאָר קומען די צייט. ווי עס שטעהט מי אלה כעב תעופינה.

עד. ונצעק אל ד׳ אלהי אבותינו וישמע קולנו. עס שטעהט ניט וישמע תפלתנו, נאָר קולנו, מען דאַרף שרייען צום רבש"ע, צוליב דעם קול ענטפערט דער רבש"ע גיכער דעם מענשן אַמאָל ענטפערט דער רבש"ע גלייך, אַמאָל אין עטליכע טעג אַרום, אַמאָל נאָך לייגגער, ווי עס שטעהט אין מדרש: יש תפלה אפילו לכמה שנים. אַז מען בעט דאַרף מען בעטן פאַרן גאַנצן כלל ישראל, ווייל אַ תפלה פאַר אַ כלל ענטפערט דער רבש"ע גיכער. דער עיקר נאָכן טאָן אַ מצוה דאַרף מען בעטן ביי דעם רבש"ע, ווייל דער זכות פון ד׳ מצוה העלפט, אַז דער רבש"ע זאָל ענטפערן. דעריבער זאָגט מען די הרחמן׳ס נאָכן בענשן, ווייל דאָס איז נאָך דעם מקיים זיין די מצוה פון ברכת המזון. מען דאַרף צוזאַמען נעמען די קליינע קינדערלאַך און וויינען איבער זיי, וואָס וועט זיין מיט אייך אויב ח"ו משיח וועט אַזוי גיך ניט קומען.

עה. היש ד׳ בקרבנו אם אין. ויבא עמלק. ופירש"י בזה שאמרו ישראל היש ד׳ בקרבנו נתנו כח להשטן לשלוט בישראל. איך האָב געטראַכט ווי קומט עס אַזאַ כח צו די יעווסעקעס צוצונעמען תפילין, יידישע ספרים, נאָר דער תירוץ איז, דאָס עס איז נאָך צוליב דעם, ווייל יידן אַליין האָבן מזלזל געווען בעוה"ר אין דעם, ווי עס שטעהט אין מדרש תדשא, מאין להם לאומות העולם כח לשרוף את התורה ובית המקדש, אלא בשביל שישראל בעצמם זלזלו בעם וקאמר קמחא טחינא טחנו.

מכתבי הרב חפץ חיים / פופקו, אריה ליב בן ישראל מאיר הכהן (עמוד 557) 13676 הודפס מאוצר החכמה